**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/03/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול נעמט אויף ניו יארק סטעיט פייערלעשער מאנשאפט וואס איז געשיקט געווארן צו באקעמפן וואלד פייערן אין קאליפארניע צוריק אהיים**

***DEC פייערלעשער האבן ארויסגעהאלפן מיט באמיאונגען צו באקעמפן וואלד פייערן אין קאנאדע, קאליפארניע, איידעהאו און מאנטענע***

***מיסיע איז די ניינטע אין פארנומענע יאר מיט פייערן***

***בילדער פון מיסיע פארעפנטליכט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א מאנשאפט פון 20 וואלד פייער לעשער, אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג וואלד רעינדזשערס, האט זיך צוריקגעקערט אהיים זיכערערהייט נאך א צוויי-וואכיגע מיסיע אין קאליפארניע. די מאנשאפט האט ארויסגעהאלפן מיט פייערלעשער'ס באמיאונגען ביי די סמיט ריווער קאמפלעקס פייער.

"ווען ניו יארקער זעהען אנדערע אין נויט, טאנצן מיר אריין צו העלפן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מערערע פייערלעשער מאנשאפטן האבן געפארן צו מערב סטעיטס און צו קאנאדע דעם זומער און הערבסט צוליב וואלד פייערן וועלכע זענען געווען ארויס פון קאנטראל און האבן פארלאנגט עקספערטן צו ארבעטן אויף די באמיאונגען זיי צו ברענגען אונטער קאנטראל. איך בין דאנקבאר פאר ניו יארק'ס געטרייע וואלד פייער לעשער וועלכע זענען וויליג צו פארלאזן זייערע פריינט און פאמיליע צו העלפן פרעמדע מענטשן, און איך בין אזוי פרייליך זיי צוריק צו ענטפאנגען אהיים."

די סמיט ריווער קאמפלעקס פייער האט אפגעברענט איבער 94,500 אקער און איז יעצט 85 פראצענט אונטער קאנטראל. די פייער האט זיך אנגעהויבן מיט א בליץ אום אויגוסט 15. די ניו יארק סטעיט מאנשאפט האט זיך אנגעשלאסן מיט די קרעפטן פון 38 אנדערע מאנשאפטן פון אריבער דאס לאנד. דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) וואלד רעינדזשער, ראבערט "עריק" סטרעטאן, האט געדינט אלס מאנשאפט הויפט דורכאויס די צוויי-וואכיגע מיסיע מיט נאך ניין רעינדזשערס, ניין פון די DEC'ס געניט-טרעניריטע וואלד פייער לעשער פון די דיוויזיעס פון לענדער און וועלדער, פיש און ווילדע באשעפענישן און מאטעריאלן מענעדזשמענט (פעסטיסיידס), פון די אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט און אזוי אויך איין וואלונטיר פייערלעשער. די מאנשאפט מיטגלידער האבן זיך קאנצענטרירט אויף אפעראציעס צו אפשניידן האלץ צו אוועקנעמען פאטענציאלע ברענשטאף פון די ערטער ארום די פייער.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "פיר DEC דיוויזיעס האבן געהאט פארטרעטער אין די טאלאנטפולע מאנשאפט, און איך באדאנק זיי אלע פארן ענטפערן די רוף פון אונזערע שכנים אויף מערב. ווען די DEC'ס וואלד

רעינדזשערס און אנדערע טרעניִרטע וואלד פייערלעשער זענען אנגעקומען צום פייער איז עס געווען בלויז 21 פּראצענט אונטער קאנטראל. טיילווייז צו באדאנקען זייער מומחיות'שאפט, און מיט הילף פון די וועטער, זענען קאמיוניטיס בעסער באשיצט און די פייער איז כמעט אינגאנצן אין קאנטראל."

**צוריקקערנדע מאנשאפט**

ראבערט "עריק" סטרעטאן – מאנשאפט הויפט – וואלד רעינדזשער, סאָליוואן קאונטי
הענע ביעבער – פיש און ווילדע באשעפענישן דיוויזיע, קאָרטלאנד קאונטי
מארק ברענד – וואלד רעינדזשער, עסעקס און העמילטאן קאונטיס
דזשעימס קאנוואורי דזשוּניאר – פיש און ווילדע באשעפענישן דיוויזיע, דזשעפערסאן קאונטי
מייקעל שאפעל – וואלד רעינדזשער, אָנאָנדאַגא און קאַיוּגע קאונטיס
דזשאַש טשאָוקעט, פיש און ווילדע באשעפענישן דיוויזיע, דעלעווער קאונטי
לאורענס דעי דזשוּניאר – וואלונטיר פייערלעשער
עווען דאנעגאן, וואלד רעינדזשער, ווארען קאונטי
פעטריק דארמער – וואלד רעינדזשער, אָנטאַריאו און יעיטס קאונטיס
עריק עגער – לענדער און וועלדער דיוויזיע, סטיוּבען קאונטי
דזשאן גאלען – וואלד רעינדזשער, קאלאמביע קאונטי
ניקאלאס דזשאנסטאן – עמערדזשענסי מענעדזשמענט, אלבאני קאונטי
דען קינסלי – פּעסטיסיידס, אלבאני קאונטי
ראבערט מעקקענזי – לענדער און וועלדער דיוויזיע, אָלסטער קאונטי
מעליסע מילאַנאָו – וואלד רעינדזשער, העמילטאן קאונטי
עווען נאַהאר – וואלד רעינדזשער, סאראטאָגע קאונטי
הענע אָוקאָנאר – עסעקס און פרענקלין קאונטיס
קייל אלסאן – פיש און ווילדע באשעפענישן דיוויזיע, קאָרטלאנד קאונטי
ניעלסאן סניי – וואלד רעינדזשער, עסעקס קאונטי
טימאטי איטס – לענדער און וועלדער דיוויזיע, אָלסטער קאונטי

וואלד פייערן טוהען נישט נאר אנזייען חורבנות אין די מערב שטאטן און אין קאנאדע, נאר די פייערן האבן אויך די פאטענציאל צו שעדיגן ניו יארק'ס לופט קוואליטעט. דורכאויס עטליכע טעג אין יוני און אין יולי זענען פילע חלקים פון ניו יארק סטעיט געווען אונטער לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס צוליב די גאר דינע שטויב אין די לופט וואס איז פארערגערט געווארן פון די וואלד פייערן אין קאנאדע און אין די מערב פון די פאראייניגטע שטאטן.

לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווערן ארויסגעגעבן ווען DEC וועטער עקספערטן זאגן פאר אז די שטאפלען פון פארפעסטיגונג – צוליב אָזאָון אדער דינע שטויב אין די לופט – זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) פון 100. זיין אויסגעשטעלט צו די גאר קליינע מאטעריאל קען ברענגען צו קורץ-טערמיניגע געזונט עפעקטן, ווי צ.ב.ש. טשעפען די אויגן, נאז, און האלז, היסן, ניסן, רונענדיגע נאז, און קורצע אטעם. זיין אויסגעשטעלט צו העכערע שטאפלען גאר קליינע מאטעריאלן קען אויך ערגער מאכן מעדיצינישע צושטאנד ווי צ.ב.ש. אסטמא, און הארץ קראנקהייט. ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן ווייטער ארויסצוגעבן אדווייזאָריס יעדע מאל וואס עס פאדערט זיך צוליב די אומשטענדן כדי צו העלפן באשיצן די פובליק געזונטהייט. נאך אינפארמאציע איבער אָזאָן און איבער PM 2.5 שטויב איז פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל און אויף די סטעיט העלט דעפּארטמענט'ס וועבזייטל. צו מיטהאלטן מיט די לעצטע אנאנסן פון די DEC, שרייבט זיך איין צו באקומען לופט קוואליטעט אלערטס דורך 'DEC Delivers': די DEC'ס הויפט אימעיל סערוויס.

אין 1979 האט ניו יארק ארויסגעשיקט איר ערשטע פייערלעשער מאנשאפט, ארויסצוהעלפן מערב שטאטן מיט ריזיגע וואלד פייערן. דורכשניטליך זענען איינס אדער צוויי מאנשאפט מיטגלידער געשיקט

געווארן לויט ווי עס נויטיגט זיך אויף ארויסצוהעלפן מיט ווילדפייערס יעדעס יאר. די מאנשאפט וואס איז היינט ארויסגעשיקט געווארן וועט זיין די ניינטע מאל וואס מאנשאפטן אדער איינצלנע איינגעשטעלטע פון די DEC ווערן ארויסגעשיקט צו ארויסהעלפן מיט אינצידענט קאמאנד אדער מיטן באקעמפן ווואלד פייערן אינדרויסן פון די סטעיט. אין צוגאב צו העלפן ברענגען וואלד פייערן אונטער קאנטראל און מינימיזירן שאדנס טוהען די מאנשאפטן זיך איינשאפן ווערדפולע ערפארונג וואס קען גענוצט ווערן צו באקעמפן וואלד פייערן און באהאנדלען אלע סארטן סכנות'דיגע אינצידענטן אין ניו יארק. אלע אויסגאבן פון די איינגעשטעלטע און פון די רייזע פון די ניו יארקע מאנשאפטן זענען באצאלט אדער דירעקט דורך די פאראייניגטע שטאטן וואלד סערוויס אדער צוריקגעצאלט צו ניו יארק סטעיט אונטער א געמיינזאמע הילף אפמאך צווישן סטעיטס און פעדעראלע לאנד אגענטורן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן